די שטאט פון ברויט

א קאפיטל פון דעם בארימטן רוסישן ווערק
"טאשקענט" — די שטאט פון ברויט)

פון א. נעראיעוו *)

דער זיידע איז געשטארבן, די באבע איז געשטארבן, דערנאך — דער טאטע. מישקא איז געבליבן מיט דער מוטער און מיט נאך צוויי ברידערלאך. דער יונגערער איז אלט פיר יאר, דער מיטלסטער — אכט, און מישקא אליין — צוועלף. קליינווארג וואס מען דארף נאך פארשפילען אויף די קנעפלאך. איינער וויל עסן קאשע, דער צווייטער שניידט אויס מיט א מעסערל א ווינט מיל. און די מוטער האלט אין איין קרענקען פון הונגער. גייט זיך צום טייך נאך וואסער, שלעפט זי זיך קוים אהיים. וויינט, וויינט און הונגער שווינט נים. און דא באגראבט מען א פויער, און דא מיט אמאל צוויי. דער פעטער מיכאליע איז געשטארבן. ניטא קיין הויז עס זאל ניט זיין קיין מת. געוועזן פערד, געוועזן קי, האט מען אויפגעגעסן. מען האט שוין אנגעהויבן עסן הינט און קעץ. מישקא האט געטראכט.

די משפחה איז א גרויסע, די ארבעטער קליינע, ניט דערוואקסענע. אויף אים, אויף דעם צוועלף יאריקן מישקא, ליגט דער גאנצער עול. פאר'ן טויט האט דער פאטער אזוי געזאגט — דו, מישא, וועסט איבערנעמען דאס באלעבאטישקייט.

מישקא איז ארוים אויף דער גאס, הערט פויערים ריידן וועגן טאשקענט. דארט איז ברויט ביליק, זייער ביליק. עס איז נאר שווער צו פארקלייבן זיך אהין. אהינוועג צוויי טויזנט ווייארסט, און אן געלט קאן מען זיך קיין ריר ניט טאן. מען דארף צאלן פאר באן בילעטן . . .

מישקא האט זיך לאנג צוגעהערט און זיך געפרעגט :

— און אז קליינווארג זאל זיך אהין א לאז טאן ?

— דו גייִלסט דען פארן ?

— וואס מיינסט איר ? איך וועל זיך פארקלייבן אין א ווינקעלע, אין א שפארע וועט מען מיך ניט ארויסזעען.

— זיץ בעסער אין דער היים, מישקא, וועסט עלטער ווערן מיט א פאר יאר וועסטו דעמאלט פארן.

און מישקא גלויבט ניט פויערים. פאר די אויגן שטייט טאשקענט, די שטאט וואו ברויט איז ביליק, און ער האט ניט מורא. גיט זיך צו קוראזש :

— וואס איז ער א מיידל ? מען וועט ניט געבן קיין ברויט, וועט ער זיך אוועקשטעלן ארבעטן. א גאנצן זומער האט ער געאקערט דאס פעלד, געטאן דעם פאטערס ארבעט, קאן איינשפאנען א פאר פערד, איז וואס אז עס פעלט אים א פאר יאר ? שטעלט מען זיך ארבעטן יאגט ער א דערוואקסענעם אריבער.

מישקא האט זיך פארטראכט שטארק פארטראכט.

עס גייט אים פון קאפ ניט ארוים טאשקענט — די שטאט פון זאט. און אז צוויי טויזנט ווייארסט איז וואס ? צופוס איז ווייט. מיט א "קאלייקע" (קליינע באן) מאכט מען עס אין דריי טעג. און טשעפען וועט מען אים ניט. א קליין איינגל, וועט מען רחמנות האבן, מען וועט זאגן : חברים, לאזט אים, עס איז דאך מישקא, וואס הונגערט. און וויפיל וועגט אזא נפש ? מיט די נעדעריט קיין האלבן פוד ניט, און אז מען וועט אים ארויסיאגן פון וואגאן, קאן ער זיך א האלטן א צוויי טעג אויף א דאך אויך. קלעטערן אויף בוימער, שלעפן פויגל פון די נעסטן איז שווערער ווי צו קריכן איבער דעכער און ער איז דאך קיינמאל פון די בוימער ניט אראפגעפאלן...

ער האט דערזען זיין חבר, סעריאזשע'ן, וואס איז מיט א יאר יונגער, און ער האט זיך דערפרייט :

— קום, לאמיר זיך א לאז טאן !

— וואוהין ?

קיין טאשקענט נאך ברויט, אין צווייען איז פריילאכער. טרעפט זיך עפעס מיט דיר, וועל איך ארויסהעלפן, טרעפט זיך עפעס מיט מיר, — וועסטו ארויסהעלפן. אליץ איינס, דא ביי אונז קאן מען נאר געשוואלן ווערן פון הונגער.

סעריאזשע האט ניט געגלויבט. געמיינט דער חבר טרייבט שפאס :

— און אז עס וועט רעגענען ?

— זומער איז דער רעגן אויך א ווארימער.

— און אז זעלנער וועלן אונז אוועקטרייבן ?

— מען טרייבט ניט.

סעריאזשע קוויינלקט זיך. ער האט א קרים געטאן מיט דער נאז און געזאגט :

— ניין, מישקא. מיר וועלן ניט דערפארן.

מישקא האט זיך גענומען שווערן :

— האב נאר ניט מורא. מיר וועלן. אויף מיין ווארט, דערפארן. איצט באגעגנט מען אומעטום רויטע ארמייער. זיי וועלן זיך דערוויסן, אז מיר הונגערן, וועלן זיי נאך געבן א שטיקל ברויט.

— מיר זיינען צו קליין,— רעדט סעריאזשקע.

מישקא האט גענומען באווייזן, אז ער און סעריאזשע זיינען גארניט אזוינע קליינע. מישקא נעמט אויף זיך אליץ. ער וועט אויסבעטן א פלאץ אין דער "קאלייקע", ער וועט ריידן מיט מענשן. מיידלאך דארפן זיך שרעקן, אבער ניט זיי. און אז עס וועט זיין שלעכט וועט מען ליידן, און אז מען וועט ארויסיאגן פון דער "קאלייקע" איז אויך ניט געפערלאך, מען וועט זיך פארגנב'ענען אין א צווייטער.

— און ווען וועט מען פארן צוריק ?— האט סעריאזשע געפרעגט.

— נאר אין גיכן, פיר טעג צוריק און מיר זיינען אין דער היים. יעדערער פון אונז וועט נעמען א צוואנציק פונט ברויט. עס זאל ניט זיין צו שווער.

די אויגן ביי סעריאזשקען האבן א בלישטש געטאן פון פרייד :

— א פוד, גאנצע פערציק פונט קאן איך טראגן.

— א פוד איז צופיל. די רעגירונג נעמט צו. לאמיר זיך נאר באקאנען מיט'ן וועג, וועלן מיר א צווייט מאל פארן.

אויב אזוי מישקא, לאמיר קיינעם ניט דערציילן.

— גוט !

— איך און דו. מער דארף קיינער וועגן דעם ניט וויסן.

—און דו האסט ניט מורא ?

— פאר וואס זאל איך מורא האבן ? איך גיי איינער אליין אויפ'ן צעמענטארזש נאך האלבער נאכט.

די מוטער האט געקרעכצט אויפ'ן בעט. דער אינגערער פעדקא האט זיך געשלעפט פאר'ן קלייד, געהאלטן דעם פינגער אין מויל און געבעטן ברויט. דער מיטעלער יאשקא האט געמאכט א ביקס פון האלץ. געטראכט — ער וועט שיסן א שפערלינג.

מישקא האט זיך באוויזן אין דער ליידיקער אויסגעהונגערטער שטוב. ער האט א רוק געטאן דאס היטל איבער די אויגן אנגעכמורעט די ברעמען. אויסגעזען ווי אן אמת'ער פויער, דערצו האט ער נאך א שטעל געטאן די פיס, זיי צענומען ווי א פויער.

— וואס ליגסטו מאמע ?

— איך בין עפעס ניט אלעמען, זונדל.

— און איך וויל אראפפארן קיין טאשקענט נאך ברויט.

— אין וואס פאר א טאשקענט ?

— עס איז דא אזא שטאט, צוויי טויזענט ווייארט פון דאנען. און דארט איז ברויט שפאט ביליק . . .

מישקא האט גערעדט רואיק ווי א באלעבאס.

די מוטער האט געקוקט מיט פאר'חידוש'טע אויגן :

— וואס פלאפלסטו. וואס ?

האט מישקא גענומען דערציילן מיט א סדר. יאנגערעס זיינען דארט פאראן א סך און ברויט אזויפיל, אז מען פאשעט דערמיט חזירים. ער וועט פארן און בריינגען דרייסיק פונט מיט אמאל. ער האט גערעדט צו דער זאך, ווי פון א ביכל ארוים, דערציילט דאס וואס ער האט געהערט פון די פויערים, צונגעגעבן זיינס. די נסיעה נעמט ניט לאנג, אהין פיער טעג און צוריק פיר טעג.

— דו מאמע, האב ניט קיין יסורים.

— און אז דו וועסט אהיים מער ניט קומען ?

— איך וועל קומען !

—געדענק, זונדל, איך וועל ניט שלאפען קיין נעכט, איך וועל איבערקלערן. פויערים און זיי פארן ניט און דו — אזא קליינער . . .

—פאר א פויער איז ניט אזוי לייכט צו פארן, מאמע. א פויער דארף א דערלויבעניש, איך און סעריאזשע וועלן זיך שוין ווי עס דורכשטופן אזוי. אויב ניט וועלן מיר דאך גאר אויסגיין פון הונגער.

—נו, געדענק זשע מישא, זע קריך ניט אויפ'ן דאך. ביינאכט, גיסט זיך א דריי און באהיט גאט עס איז נאך דיר. גיי זוך אין דער פינסטער די ביינדלאך. פאל בעסער גוטע מענשן צו די פיס, וועלן זיי דיר אפטרעטן א שטיקל ארט.. וואס וועל איך ארימע טאן אן דיר ?

— האב ניט מורא מאמע, איך וועל ניט אראפפאלן.

מישקא האט באטראכט זיינע צעריסענע לאפטיעס און זיך אנגעכמורעט — אין דער ערד אריין !·

ער האט זיך אבער אויפ'ן ארט באדואיקט :

—איצט איז ניט קאלט. מען קאן גיין בארוועס אויך.

ער האט אנגעשארפט א מעסערל און א ציגל, און עס אנגעהאנגען אן א רימענעם פאסעק, עס זאל ניט פארלוירן גיין. ער האט אריינגעשיט אין א שמאטקעלע א ביסעלע זאלץ, עס פעסט פארבונדן עס זאל זיך ניט צעשיטן. אזוי פלעגט זיך פירן דער געשטארבענער פאטער זיינער.

די מוטער האט אויפגעזוכט א זעקל. עס פארלאטעט פון ביידע זייטן :

— וואס, מישא, איין זעקל וועט גענוג זיין ?

— גיב צוויי. טאמער וועט מען געבן שטיקלאך ברויט, וועל איך עס לייגן אין צווייטן זעקל אריין.

די מוטער האט געגלויבט.

— פאלג מיך, מישא, נעם אליץ וואס מען וועט דיר גיבן. מעגלאך וועסט בריינגען א ביסעלע קארן, וועט מען פארזייען.

די מוטער האט אויסגעטאן פון זיך דאס העמד און אפגעריסן א שטיק פאר א זעקל. יאשקא האט זיך אויפגעהערט פארען מיט זיין הילצערנעם ביקס און א פארוואנדערטער א קוק געטאן אויפ'ן ברודערל ?

— מישקא !

— וואס ?

סעריאזשקא פארט אויך מיט דיר ?

מישקא האט ניט געענטפערט. ער איז ארוים אויפ'ן הויף, האט זיך ארומגעקוקט:

—א קללה פון גאט, א הונגער . . .

מישקא און סעריאזשקע פארלאזן דאס דארף. זיי לאזן זיך אויפ'ן וועג זוכן ברויט.

און אט איז געשעען אין מיט'ן וועג. מישקא לאזט איבער סעריאזשקע'ן אליין. ער לאזט זיך אויפ'ן מארק מיט דער האפענונג עפעס צו געפינען.

און עס איז אים געשעען א גליק : עס האט זיך איינגעגעבן צו געפינען א פאר פארדארטע און פארטריקנטע ברויט שקארינקעס.

ער לויפט מיט פרייד צוריק. ער וויל זיך טיילן מיט סעריאזשע'ן, אבער גייענדיק האט ער פארגעסן, געדיינקט אליין ניט ווער האט אויפגעגעסן דאס שטיקל ברויט. ער האט זיך דערמאנט אן דעם הונגעריקן סעריאזשע'ן און דאס געוויסן האט אים גענומען פלאגן :

— פאר וואס האב איך אליין אויפגעגעסן ?

ער זוכט סעריאזשע'ן, און דער חבר איז ניטא. אט איז דאס ביידל, וואו סעריאזשע איז נאר וואס געזעסן. ער האט זיך א דריי געטאן, איז ארוים אין פעלד. די לבנה שטייט איבער'ן בערגל, קוקט אויף מישקא'ן. קיין מענשן זעט מען ניט. ס'טראגט זיך פון ערגעץ א געוויין. ער איז ארונטערגעגאנגען — אין טאל זיצט א פויערטע מיט קינדער און וויינט :

—קינדערלאך מיינע ליבע, וואוהין וועלען מיר זיך איצט אהינטאן ?

און מישקא האט א טראכט געטאן :

— און איך וואו וועל איך זיך אהינטאן ?

ער איז צוריקגעגאנגען אויף דער סטאנציע.

— וואו זוכט מען אים ? כ'האב געדארפט איינער אליין פארן, און איצט האב איך געשוואוירן, — איינער וועט ניט פארלאזן דעם צווייטן.

מישקא איז אריין אין דריטן קלאס. מענשן איבער מענשן. מען קאן קיין פוס ניט אריינשטעלן, זיי ליגן קופעסוויז. איבער'ן המון הויבט זיך א פארע, ווי אין א שוויץ באד. און די פארע איז פול מיט געוויין, מיט קללות.

מישקא האט פארטשעפעט מיט א פוס א קאפ. זיך איבערגעשראקן. דער קאפ האט זיך א הויב געטאן, זיך צעשריען :

— וואס ווילסטו ?

— כ'זוך סעריאזשקע'ן.

— ביסט אודאי א זשוליק.

אימעצער האט צוגעגעבן :

— יאגט אים ארוים — ער וועט נאך עפעס צונעמען !

מישקא איז געקראכן פון איין ווינקל צו א צווייטן. זעט — סעריאזשקא ליגט ווי א בייגל און שלאפט :

— דו !

סעריאזשקא האט געעפנט די אויגן, ער קוקט און דערקאנט ניט. מישקא האט אים א צי געטאן פאר דער האנט.

— וואס שלאפסטו ? איך האב דיך קוים אויפגעזוכט. וואס ביזטו אנטלאפן פון דארט ?

— כ'האב מורא געהאט.

— אקס ! ווען איך זוך דיך ניט אפ, וואלסטו געבליבן דא אליין, —א ווארט דארף זיין א ווארט.

א באליידיקטער האט סעריאזשקע גענומען רייבן די אויגן. און די אויבערשטע ליפ: די נאז איז פול געווען מיט געוויין.

— נו, וויין ניט, גוט, נו, וויין ניט. נאכאמאל טו עס נים. האסט געכאפט א דרעמעל ?

— ס'הונגערט מיך.

— מישקא'ן האט אויך געהונגערט. ער האט מיט דער צונג באלעקט די ליפן און געטראכט.

— א צרה אויף מיין קאפ.

און געזאגט האט ער הויך :

— וואס פאר א מענש ביזטו סעריאזשע אז דו קאנסט קיין זאך ניט איבערטראגן! וואו וועל איך איצט נעמען דיר עסן, מיר וועלן קומען קיין טאשקענט, וועלן מיר זיך אנעסן. וואס וועט אויסקומען אויף דיין חלק ? מיינסט טאקע, עס איז מיר א שאד.

און אין זעקל ביי אים ליגט א שטיקל ברויט. — ער וויל עס באהאלטן. עס איז א רחמנות אויף א חבר און אויף זיך איז דער רחמנות נאך גרעסער. ער, מישקא, איז דאך דער איינרייסער, דער ארומלויפער, דארף ער מער עסן. ער האט ארויסגענומען דאס שטיקל ברויט, אפגעבראכן א קריש :

— נא, וועסט מיר אפגעבן. איצט קומט מיר שוין פון דיר צוויי שטיקלאך. און וואו איז דיין זעקל ? און די לאפטיעס וואו זיינען ?

— כ'האב זיי איבערגעלאזט ביים ביידל.

— נאר איינער ! און וואס וועסטו אריינלייגן ס'ברויט ?

— סעריאזשע האט זיך אויסגערעדט :

— איך וועל ניט פארן קיין טאשקענט.

— פארוואס ?

— ס'איז צו ווייט.

— און ווי אזוי וועסט איצט גיין צוריק אהיים ?

— כ'וועל זיך ווי עס איז דערשלעפן.

— גיי, גיי ! און חברים וואס האבן חרטה האב איך ניט ליב. דא פארסטו און דא פארסטו ניט.

זיי האבן לאנג געשוויגן.

איינער האט געשריען פון שלאף :

— אוועק ! אוועק ! אונזער באן איז אוועק !

דערביי האט א פויער מיט א צעפאטעלטן קאפ זיך אויפגעהויבן, און גערעדט צו א צווייטן :

— אלע וועלן מיר דא אוועקשטארבן פון הונגער ! פון הונגער זיינען שוין געשוואלען ביי מיר די פיס.

מישקא האט פאר זיך געזעען דעם וויייטען טאשקענט און די צוויי זעק מיט שטיקלאך ברויט. אין איין זאק — ווייס ברויט. אין צווייטן — שווארץ, אין דריטען — א צען פונט ווייץ, גרויסע קערנדלאך צום זייען.

מישקא'ס מאמע וויינט פון פרייד :

— מישא, מישא ! וואס פאר א טייערער זון דו ביסט ביי מיר ! שלעפסט איינער אליין דעם גאנצן עול ! שפאר זיך צו אביסל. שלאף. און איר קינדער, זייט רואיק.

מישקא האט געעפנט די אויגן, וואס זעען גארנישט נים. זיי צוריק פארמאכט.

דאכט זיך מען שפרייזט איבער'ן דאך; דאכט זיך א רעגן גייט. לאז זיך טאן וואס עס וויל. ער, מישקא, איז שלעפעריק. איבער אים וואקסט אן עפל בוים. אן עפל. צוויי פויסטן די גרויס, איז א פאל געטאן

(שלוס אויף זייט 11)

---

*) א. נעראיעוו, איינער פון די באדייטענדסטע יונגע רוסישע שריפטשטעלער, איז בארימט געווארן דורך זיין ווערק "טאשקענט — די שטאט פון ברויט", אין וועלכן ער שילדערט דעם שרעקלאכן הונגער וואס רוסלאנד האט דורכגעמאכט אין יאר 1921.

מיר גיבן דא איבער אין א אידישער איבערזעצונג איינעם פון די אינטערעסאנטסטע קאפיטלען פון בוך, וועלכעס לייענט זיך מיט א פארכאפנדן אטעם.

שיקאגא כשר סאסעדזש מאנופעקטשורינג קא. לטד.

מיר נוצן אויס די געלעגנהייט צו אויסדריקן אונזער דאנקבארקייט צו
אלע אונזערע קאסטאמערס, און ווינשן אלע אידן

א ניי־יאר פון געזונט, ערפאלג
און פארגעניגן

י. אווערבאך
פרעזידענט און מענעדזשער

אונזערע פראדוקטן זיינען געזיכערט דורך א דאמיניאן רעגירונגס אינספעקטאר, וועלכער איז שטענדיג אין פעקטארי און זעט, אז בלויז די ריינסטע און פרישסטע פליישן זאלן גענוצט ווערן. אונזער רעגירונגס אינספעקטאראט נומער איז 37.

ווען איר קויפט איין אייערע דעליקאטעסן אין סטאר, פרעגט פאר אונזערע פראדוקטן און זעט אז זיי זאלן האבן אונזער לייבל, ווייל דאס זיינען ריין קאנאדער פראדוקטן, געמאכט אין מאניטאבא, וואו עס זיינען באשעפטיקט 25 פאמיליעס.

ALL MEATS GOVT. INSPECTED No.-37 UNDER DOM. GOVT. INSPECTION

די שיקאגא כשר וואורשט פאבריק איז איינגעריכטעט מיט די סאמע מאדערנסטע מאשינען. מר. י. אווערבאך, פרעזידענט, א גוט באקאנטער תושב פון וויניפעג, איז גרינדלאך באקאנט מיט זיין פאך, פונקט ווי זיינע אנדערע מיטהעלפער און דאס איז אייער גאראנטיע אז איר קריגט די בעסטע פלייש פראדוקטן וואס קאנען נאר געמאכט ווערן.

די שטריינגסטע כשרות ווערט ביי אונז אפגעהיט
אונטער דער השגחה פון
ועד הכשרות מיט אלע דריי רבנים
מיט א שטענדיקן משגיח אין דער
פעקטארי

וואס מיר פראדוצירן

מיר פראדוצירן די פאלגנדע פראדוקטן:—רינג באלאני, דיקע באלאני, ווינער ווארשט, קנאבל ווארשט, פרישע סאלאמי, מידיאום סאלאמי, הארטע סאלאמי, געקאכטע קארן ביף, געקאכטע ריסט, געקאכטע צונג, פאסטראמא (געפעפערטע בריסט), פאסטראמא רומענישע, פאפריקא ספעק, געסמוקטע לאקס, געסמוקטע גאלד אייז, בעלאריביצע, טאראנקעס, רוסישע געסמוקטע טשאבאק.

נייעסטע מעטאדן — שטריינג כשר

פראדוצירט אונטער די מאדערנסטע באדינגונגען, לויט די נייעסטע מעטאדן וואס ווערן רעקאמענדירט פון די העכערע און דערפארענע מעדיצינישע אויטאריטעטן און אין אנקלאנג מיט די שטריינגסטע פארערונגען פון כשרות.

אונזער דערפאלג

פאר א צייט האבן מיר געדארפט זייער שווער ארבעטן צו דערגרייכן אונזערע צילן. מאנגל אין פלאץ, מאנגל פון מאשינען און פון דערפארענע ארבעטער האט אונז פיל געשטערט: אבער יעדן טאג און יעדעס יאר האבן מיר פארבעסערט אונזערע מיטלען, פארגרעסערט אונזער פראדוקציע — און דערביי געוואונען דעם צוטרוי פון א גרעסערער צאל קונים. מיר האבן זיך דערווארבן א גוטן נאמען — א שם־טוב איבער גאנץ מערב קאנאדע, סיי מיט דער קוואליטעט פון אונזערע פראדוקטן, סיי מיט דער פינקטלאכקייט מיט וועלכער מיר דערפילן אלע ארדערס, אדער ווי קליין זיי זאלן ניט זיין — און פון וואנען זיי זאלן ניט קומען. א דאנק דער אנערקענונג און שטיצע וואס מיר האבן באקומען, און דעם דערפאלג וואס מיר האבן איבערהויפט פאר די לעצטע פאר יאר דערגרייכט, האבן מיר די פעקטארי פארגרעסערט און פארבעסערט.

מיר אימפארטירן די פאלגנדע פראדוקטן:

רוסישע קאפטשאנקעס, רוסישע טאראנקעס, רוסישער באליק, רוסישע קעטאוויע איקרע, רוסישע שווארצע קאוויאר אין טינס, אלאסקא שמאלץ הערינג און די בעסטע כאלווא

Chicago Kosher Sausage Mfg.
COMPANY, LIMITED
358-360 FLORA AVENUE
TELEPHONE 54-015
WINNIPEG, MANITOBA

א. קאפלאן
דזשועלרי סטאר
ווינשט אלע פריינט, באקאנטע
און אלע אידן
א יאר פון
גליק
אין אלע הינזיכטן
א גרויסער אויסוואל
פון
דיימאנדס, גאלד, זילבער
און גראמאפאנס
צו די ביליקסטע פרייזן
ווייל איך קויף פאר קעש
A. KAPLAN
626 MAIN STREET
Phone 27 980

די קאמיטע פון דער
כנסת ישראל שול
ווינשט אלע מעמבערס מיט
זייערע פאמיליעס
בתוך כלל ישראל
א יאר פון געזונט, פרנסה
און גליק
אין אלע הינזיכטן
מ. ראזען, פרעזידענט

DICK'S
Milan Cafe
MR. R. TETTAMANTI
827 Main St.
ווינשט אלע אידן אין כלל און
דעם סטעף פון
"דאס אידישע ווארט"
בפרט
א גליקלאך יאר
זאל דער נייער יאר ברייננען
צוריק אייער אלט־נייע היים
און פרידן זאל הערשן ביים
פאלק ישראל

לשנה טובה תכתבו
מ. י. פרידמאן
מאנופעקטשורינג דזשולער
טעלעפאן 87 845
260½ FORT ST.
WINNIPEG MANITOBA

אונזערע בעסטע וואונשן
פאר א
גליקלאך ניי יאר
WILLOW ART
FURNITURE MFGS.
ווילאו פוירניטשור און בייבי
קערידזשעס
288 GRAHAM AVENUE
Phone 24 677
A. HEMBROW, Mgr.

הארציקע גליקוואונשן
צו אונזערע קרובים און פריינט אויף
דער און יענער זייט ים:
אונזער פאטער, ישראל זאלף: דעם ברודער, יצחק אייזיק זאלף און פאמיליע; די שוועסטער, פעשע, אסתר פייגע, מירל, הדס און שוואגערס מיט זייערע קינדער; די ברידער, לייזער משה, ארי־לייב מיט זייערע פאמיליעס: אויך די קאזינס: פישל, יהודית, ליבע גיטל, חנה שפרה, דוד משה, זיסל, יודל, מיט זייערע משפחות — מיר ווינשן אייך אלעמען א גליקלאכן און צופרידענעם ניי־יאר.
און אויך אונזערע פריינט און לאנדסלייט אין דעם ליבן שטעטל
וויניפעג, מאנ.
מיט הארציקע וואונשן
פאליק און פריידע רחל זאלף
און קינדער